האוניברסיטה העברית בירושלים

THE HEBREW UNIVERSITY OF JERUSALEM

THE FACULTY OF HUMANITIES

הפקולטה למדעי הרוח

דעם 9טן מארץ 1987

טייערער פריינד,

מיר האפן אז אייער ארבעט איבער דעם באנד וואס איר האט זיך אונטערגענומען צו רעדאקטירן אין דער אויסגאבע פון שלום-עליכמס ווערק איז שוין אין פולן גאנג. מן-הסתם דארף מען אייך נישט דערמאנען אז מיר האבן זיך מתחייב געווען פאר דער NEH צו פארענדיקן די רעדאקציע-ארבעט צו דעם אפגערעדטן טערמין.

אויף א בעראטונג וואס מיר האבן אפגעהאלטן אין ירושלים מיט פראפ' ש' ווערסעס, פראפ' ח' טורניאנסקי און ד"ר אי' נאווערשטערן זענען אנגענומען געווארן א צאל הוספות צו די "אינסטרוקציעס פאר די רעדאקטארן" וואס איר האט פון אונדז געהאט פריער באקומען. ס'האנדלט זיך וועגן אנגענומענע קיצורים פאר שלום-עליכמס פובליקאציעס, וואס דער באנוץ מיט זיי וועט פאראיינהייטלעכן און פארלייכטערן די ארבעט:

1. די ערשטע אייראפעישע פובליקאציע וועט שטענדיק באצייכנט ווערן מיט א, אומאפהענגיק פון דעם צי דאס איז טאקע געווען בפועל-ממש דאס ערשטע מאל ווען די זאך איז געדרוקט געווארן.
2. די ערשטע אמעריקאנער פובליקאציע אין דער פעריאדיק וועט שטענדיק זיין ב. ווי געזאגט, קען זיין אז א מאל איז ב געדרוקט געווארן פאר א.
3. פאר שלום-עליכמס ווערק אין בוכפארעם האבן מיר אנגענומען די ווייטערדיקע קיצורים:

פ"ב: שלום-עליכם'ס אלע ווערק, פערלאג "פאלקסבילדונג", ווארשא תרס"ג (4 בענד, 1903).

פ: אלע ווערק שלום-עליכם, פערלאג "פראגרעס", ווארשא (15 בענד, 1909-1915).

פ"פ: אלע ווערק פון שלום-עליכם, שלום-עליכם פאלקספאנד-אויסגאבע (28 בענד; ערשטע אויפלאגע: ניו-יארק 1917-1923).

מן-הסתם וועלן נאך אין גאנג פון דער ארבעט אויפשווימען פארשידענע פראגעס וואס מיר וועלן דארפן לייזן. מיר האפן צו הערן פון אייך אין גיכן גוטע נייעס.

אייער

ע"ש: כ"י = כתב-יד, מיט א נומעראציע אין [illegible]אלאגישן סדר
בייגעלייגט א דוגמה פון דעם באנוץ מיט די קיצורים.

# װוּנדער פון אַנטװאָרפען

כ"י = שלום-עליכמס אַן אויטאָגראַף פונעם גאַנצן קאַפּיטל: "װוּנדער פון אַנטװערטען" [!] - אין דער א. שװאַדראָן-קאָלעקציע (באַקומען פון מאַרטין בובער), אין דער נאַציאָנאַלער און אוניװערסיטעט-ביבליאָטעק אין ירושלים, 32 זז'.

ב = "װוּנדער פון אַנטװערפּען: פון מאָטל פּייסע דעם חזנס מעשׂיות, איבערגעגעבן פון שלום-עליכם", דער אַמעריקאַנער, ד, נומ' 11, פונעם 22סטן נאָװעמבער 1907.

א = [...] 8. "װוּנדער פון אַנטװערטען", דער פריינד, דעם 26סטן און 29סטן דעצעמבער 1907.

פ = מאָטעל דעם חזנ'ס, פאַרלאַג "פּראָגרעס", װאַרשע תרע"א / 1911 (=אַלע װערק שלום-עליכם, פינפטער באַנד), זז' 171-180.

פ"פ = מאָטעל פּייסי דעם חזנ'ס, ערשטער טייל: פון דער היים קיין אַמעריקע, ניו-יאָרק 1920 (=אַלע װערק פון שלום-עליכם, באַנד יט פון דער "שלום-עליכם פאָלקספאָנד אויסגאַבע").

1. אין כ"י און אין א - אין קעפּל און אין גאַנצן טעקסט: אַנטװערטען.
2. פאַרן / כ"י: דאָס פאַרן
3. האַצעפּלאַץ / א: האַצעקלאַץ
4. מולגעטש - פ: מוגלעטש - צוריקגעשטעלט לויט כ"י, א, ב
5. מע דאַרף זאָגן - פעלט אין כ"י, א
6. כאַליאַסטרע / כ"י, א: משפּחה
7. קאַליעדיקע / כ"י, א: קראַנקע
8. פון דעם, װאָס מען װיינט א סך. און א מאָל - פעלט אין ב, פ - צוריקגעשטעלט לויטן כ"י און א
9. דער "אַליאַנץ" איז א זכר ... הכלל / כ"י, א: דער "אַליאַנץ" איז אַן "ער" און די "עזרא" איז א "זי"
10. דער "אַליאַנץ" / א: דער "אַליאַנץ" האָט א טבע
11. אויסשטיין / כ"י, א: אויסהיילן
12. און אַט אַזוי - פעלט אין כ"י, א
13. נאָר אין כ"י און א קומט דאָ אין המשך: דאָס איז דער װאָס האָט מיר באַװיזן װי מע "שטעלט א גובערנאַטאָר" און אויסגעלערנט מיך די קונץ פון בויכרעדעריי. ער איז אויך געקומען מיט זיינע טאַטע-מאַמע צו דער "עזרא" זיך אָן עצה האַלטן. זיי האָבן נישט אויף דער הוצאה ביז אַמעריקע.
14. און מיט די זעלביקע װערטער - פעלט אין כ"י, א
15. ערגער װי איך מיט מיין געװיין - פעלט אין כ"י, א; אין א: איך זאָל האָבן אַן אייגענעם בלוישטיין, װאָלט איך שוין געלאַכט, ניט געװיינט...
16. און מיר זאָגן - לויט כ"י, א - אין ב, פ: איך זאָג